**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/1/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט צווייטע רונדע פון געווינער פאר "וואקסינירט, בילדט, גראדואריט' וואקסין באלוינונג קאמפיין פאר 5 ביז 11 יעריגע קינדער צו געוואונען א SUNY אדער CUNY סקאַלערשיפ**

***עלטערן און גאַרדיענס פון 5 ביז 11 יעריגע קינדער וועלכע באקומען זייער ערשטע וואקסין דאזע ביז דעצעמבער 19 קענען ארייננגיין אים די גורל [דא](#)***

***די סקאַלערשיפ רעכנט אריין שכר לימוד, א צימער און דארמיטארי***

***10 געווינער פער וואך פאר פינף וואכן מיט ערשטע געווינער אנאנסירט נאוועמבער 24; גורלות צייטן קען מען זעהן [דא](#)***

היינט האט גאווערנער האקול אנאנסירט 10 געווינער אין די צווייטע רונדע פון ניו יארק'ס 'וואקסינירט, בילדט, גראדואריט' (Vaccinate, Educate, Graduate) וואקסין באלוינונג פראגראם.

"דורך די 'וואקסינירט, בילדט, גראדואריט' פראגראם וועלן צען מער יונגע ניו יארקער קענען באקומען לעבנס-טוישנדע בילדונג געלעגנהייטן ביי סיי וועלכע SUNY אדער CUNY קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״אזוי ווי מיר לאזן זיך אריין אין דעם האָלידעי סעזאן און עס שטייגט די ריזיקע פון טראנסמיסיע, איז אבסאלוט קריטיש-וויכטיג אז מיר זאלן ווייטער שטיין אויפ'ן וואך. דער וואקסין איז די זיכערסטע וועג צו האלטן אייך און אייערע באליבטע זיכער, עס איז אומזיסט, גרינג צו באקומען, און דאס וויכטיגסטע — עס איז זיכער פאר פינף ביז 11-יעריגע קינדער."

עלטערן און גאַרדיענס פון קינדער אין די עלטער פון 5 ביז 11 יאר וועלכע באקומען זייער ערשטע וואקסין דאזע ביז דעצעמבער 19 קענען ארייננגיין אין די 'וואקסינירט, בילדט, גראדואריט' באלוינונג פראגראם פאר א טשאנס צו געוואונען א פולע סקאַלערשיפ צו איינס פון צוויי אדער פיר-יעריגע פראגראמען ביי SUNY אדער CUNY קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט פאר זייער קינד. די סקאַלערשיפ רעכנט אריין שכר לימוד, א צימער און דארמיטארי.

- **שכר לימוד:** די פולע קאסטן פון שכר לימוד אינעם סטעיט ביי א ניו יארק סטעיט אדער סיטי אוניווערסיטעט.
- **קאסטן חוץ פון שכר לימוד:** צימער און דארמיטארי און טאשן געלט פאר ביכער, סופּלייס און טראנספּארטאציע ביז די דורכשניטליכע קאסטן ביי SUNY קאלעדזשעס.
- **וואוינונג:** סטודענטן וועלכע וואוינען אויפ'ן קאמפוס וועלן באקומען א העכערע סומע פאר קווארטיר ווי קאָמיוטער סטודענטן. אויב עס זענען נישטא קיינע דארמיטאריס פאר די סטודענטן אינעם קאמפוס, וועלן זיי באקומען די זעלבע סומע טאשן געלט ווי סטודענטן וועלכע וואוינען אין די קאמפוס.

פאלגנד איז די ליסטע פון געווינער. אנדערע אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע שטייט נישט דא כדי צו באשיצן די פריוואטקייט פון די סטודענטן.

- Santiago K., קינגס קאַונטי
- Naomi F., סקענעקטעדי קאַונטי
- Michael G., קווינס קאַונטי
- Baruch W., וועסטשעסטער קאונטי
- Adalynn V., אנאנדאגא קאַונטי
- Keira H., ראקלענד קאונטי
- Michael G., פּולטאָן קאַונטי
- Griffin R., מאנראו קאונטי
- Theodore F., קווינס קאַונטי
- Sophia S., טשימאָנג קאַונטי

**CUNY טשענסעלאר פעליקס וו. מאטאָס ראדריגעז האט געזאגט,** "מיינע וואונטשן צו די צווייטע רונדע געווינער פון די 'וואקסינירט, בילדט, גראדואריט' פראגראם, סיי פארן באשיצט ווערן קעגן קאוויד-19, און סיי פארן האבן אן באאיינפלוסנדע און ווערטפולע בילדונג ביי CUNY ווארטנדיג אויף זיי. מיר באדאנקען גאווערנער האקול פארן אריבערפירן די וויכטיגקייט פון וואקסינירן אונזער קינדער, און איך לויב אויס עלטערן און גאַרדיענס איבער ניו יארק פארן נעמען די קריטישע שריט צו באשיצן זייערע קינדער, און איך ערמוטיג אנדערע צו טוהן דאס זעלבע."

**SUNY טשענסעלאר דזשים מעלעטרעס האט געזאגט,** "מיר מוזן טוהן אלעס וואס מיר קענען צו ברענגען די פאנדעמיע צו אן ענדע, און וואקסינאציע איז ווייטער די בעסטע און זיכערסטע וועג צו טוהן אזוי. איך באדאנקגאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט מיטן פארזעצן צו באשיצן ניו יארקער פון דעם ווירוס. איך טוה גראטולירן די צווייטע רונדע געווינער פון די וואקסינירט, בילדט, גראדואריט וואקסין סקאַלערשיפּ באלוינונג פראגראם וועלכע וועלן יעצט האבן די געלעגנהייט צו גיין צו אונזערע העכסט-קלאסיגע SUNY סקולס פריי פון שכר לימוד בשעת'ן אויך טוהן זייער חלק צו באשיצן זיך אליין און זייערע פאמיליעס."

**ניו יארק סטעיט העכערע בילדונג סערוויסעס קערפערשאפט ( Higher Education Services Corporation) פרעזידענט, דר. גיערמאָו לינערס, האט געזאגט,** "מיינע וואונטשן צו די צווייטע וואך געווינער פון די וואקסינירט, בילדט, גראדואריט וואקסין באלוינונג סקאַלערשיפּ פארמעסט! דער פראגראם העלפט צושטופן עלטערן פון סטודענטן וועלכע זענען צווישן 5 און 11 יאר אלט צו וואקסינירט ווערן און באשיצן זיך אליין, זייער פאמיליע און זייערע פריינט און העלפן מאכן זייערע סקול קאמפוסן זיכער קעגן דעם קאראנע ווירוס. איך ערמוטיג יעדן איינעם וואס איז בארעכטיגט דערפאר צו וואקסינירט ווערן און העלפן פארמיידן דאס פארשפרייטונג."

עלטערן און גאַרדיענס קענען אריינגיין אין די גורל פאר זייערע בארעכטיגטע קינדער [דא](), און אזעלכע וועלכע האבן נישט קיין צוטריט צו די אינטערנעט קענען רופן [1-833-697-4829]() צו אריינגיין אין די גורל דורך די טעלעפאן. ניו יארק סטעיט וועט אדמיניסטרירן דעם גורל יעדע וואך, און געווינער וועלן ווערן פעסטגעשטעלט דורך דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט און ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישן סערוויסעס קארפארעישן.

בלויז איין איינטריט פער קינד וועט ווערן אנגענומען, און קינדער מוז האבן באקומען זייער ערשטע קאָוויד-19 וואקסינאציע וויניגסטנס איין טאג פאר׳ן זיך איינשרייבן. איינגעשריבענע נעמען וועלן

אריבערגעפירט ווערן צו אלע ׳וואקסיניר, אינפארמיר, גראדואיר׳ פראגראם׳ס גורלות. נאך אינפארמאציע איז דא צו זעהן אין די אפיציעלע תקנות.

עלטערן און גאַרדיענס ווערן אויך ערמוטיגט צו באזוכן די סטעיט'ס נייע וועבזייטל פאר אינפארמאציע, אפט געפרעגטע פראגן און נייע רעסאָרסן איבער די קאוויד-19 וואקסין פאר קינדער. די סעיט האט לעצטנס צוגעלייגט גרייטע מאטעריאלן צו ארויסהעלפן קינדער דאקטוירים און לאקאלע קערפערשאפטן וועלכע גיבן די וואקסין פאר קינדער אויפן שטח, ארייננרעכענענדיג נייע שילדן און סטיקערס וועלכע זענען דא צו באקומען דא.

ניו יארקערס וואס זוכן צו באשטימען א צייט פאר וואקסין אפוינטמענטס פאר 5 ביז 11-יעריגע קינדער ווערן דערמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט זייערע קינד׳ס פעדיאַטרישען, פאמיליע דאקטער, קאונטי העלט דעפארטמענטס, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערס (FQHC׳ס), רורעל העלט צענטערס, אדער פאַרמאַסיס וועלכע טוען מעגליך אדמיניסטרירן דעם וואקסין פאר דער עלטער גרופע. עלטערן און גאַרדיענס קענען באזוכן vaccines.gov, טעקסטן זייער זיפ קאָוד צו 438829 אדער רופן 1-800-232-0233 צו טרעפן דערנעבנדע וואקסינאציע פלעצער. מאכט זיכער אז דער פראָווידער טוט אנבאטן דעם פייזער-בייאָוענטעק קאוויד-19 וואקסין, ווייבאלד די אנדערע קאוויד-19 וואקסינען זענען נאכנישט אויטאריזירט פאר דער עלטער גרופע. צו דער איצטיגער צייט ווערן ניו יארק סטעיט׳ס מאסן וואקסינאציע ערטער געניצט נאר פאר מענטשן פון 12 יאר און העכער, און אונזערע #VaxtoSchool פאַפּ-אָפּס קאנצענטרירן זיך אויף 12 ביז 17-יעריגע. נאך פראגראמען און געשעענישן וועלכע זענען קאנצעטרירט אויף 5 ביז 11 יעריגע וועלכע וועלן בקרוב אנאנסירט ווערן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov